STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04516

ITSIK MANGER

Eliezer Podriachik

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Michael & Deborah Troner
in memory of
Ruth L. Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייזער פּאָדריאַטשיק

איציק מאַנגער

דער דיכטער וואָס איז דערגאַנגען
פון גראָ ביז בלאָ

אַרויסגעגעבן דורך די יידישע קולטור־קלובן פון:
חולון, בת־ים און רמת־גן — גבעתיים
ישראל
תשל״ז — 1977

דער **ועד למען תרבות יהודית בישראל,** צוזאַמען מיט דעם **קאָאָרדינירקאָמיטעט פון די יידישע קולטור־קלובן אין לאַנד,** דריקן אויס זייער אָנערקענונג די יידישע קולטור־קלובן פון חולון, בת־ים און רמת־גן—גבעתיים פאַר דער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן די ערשטע בראָשור פון אַ סעריע שריפטן געווידמעט יידישע און העברעאישע שרייבער.

מיטן אַרויסגעבן די דאָזיקע סעריע בראָשורן איז מען אויסן צו באַדינען די קולטור־קלובן און צו געבן זיי מאַטעריאַלן, בכדי זייערע קולטור־טוער זאָלן אַליין קענען צוגרייטן לעקציעס און רעפעראַטן אויף די געגעבענע טעמעס. די פאַרעפנטלעכטע בראָשורן וועלן קענען געזאַמלט ווערן און געבונדן ווערן אין איין באַנד און דינען ווי אַן אינטערעסאַנטער און באַלערנדיקער לייען־שטאָף פאַר דעם ביחידותדיקן לייענער.

לייזער פּאָדריאַטשיק

איציק מאַנגער

ד ע ר   ד י כ ט ע ר
וואָס איז דערגאַנגען
פון גראָ ביז בלאָ

א

וואָס איז דער צויבער פון איציק מאַנגערס פּאָעזיע? וועלכע איז איר צענטראַלע צוציונגס־קראַפט וואָס האַלט, מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, צוגעשמידט „די זעלן און געזעלן פון דער יידישער דיכטונג״? ווי און ווו איז זיין בילד און געשטאַלט אין דער וועלט־ליטעראַטור?

אויף די דאָזיקע אַלע פראַגן קאָן מען געפינען פאַרשידענע ענטפערס. פאַראַן פאָרשער וואָס טיילן אויס דעם „מדרש איציק״ — וואָס איז באַהויכט מיטן חן און צויבער פון יידישן פאָלקס־עפּאָס; אַנדערע — די ליריק און פּראָזע. אַלע אָבער האַלטן, אַז זיינע באַלאַדן פאַרמאָגן אַ באַזונדערן פּאַטאָס און גראַציע. כאָטש, גראָד אין דעם זשאַנער האָט איציק מאַנגער, אין כמות, געשאַפן ווייניקער ווי אין אַלע אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערן. אין איציק מאַנגערס קינסט־לערישן באַגאַזש זענען בסך הכל פאַראַן 42 באַלאַדן, דערביי, דאָס רוב געשאַפענע אין ערשטן יאָרצענדליק פון זיין פּאָעטישער יצירה... אָבער, מיט דער אין כמות, אַזוי צו זאָגן, קליינער צאָל באַלאַדן האָט איציק מאַנגער, מיט זייער איכות, דערגרייכט די הייכן פון דער קלאַ־סישער באַלאַדע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

עס איז אָנגענומען מיינען, אַז איציק מאַנגערס באַדייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט די יידישע באַלאַדע דערהויבן צו אַן אוניווערסאַלער מדרגה, איר געגעבן אייראָפּעישע פאָרמען און ריטמען. דער אמת איז אַן אנדערער: איציק מאַנגער האָט דערגרייכט זיין

גרויסקייט ווען ער האָט אין יידישן שטאָף גופא דער־פילט דאָס אוניווערסאַלע, און געפונען פאַר דעם אַן אינטים־קינסטלערישע עקספּרעסיע.

ווי אין דער פיזישער נאַטור, ווו עס הערשט אַן אייביק מאַניסטישער כוח, וועלכער באַשטימט איר דיפערענצירונג, אַזוי אויך די גייסטיקע נאַטור — אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז איר איינהייטלעכקייט דורך איר פאַרשידנאַרטיקייט. אַ דאַנק דעם דערקענען מיר די וועלט, דערקענען מיר זיך. אין דעם — דער אוני־ווערסאַלער באַדייט פון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. ביי דער היינטיקער אַנטוויקלונג־סטאַדיע פון דער מענטש־הייט, איז אויסער די נאַציאָנאַלע פאָרמען און שפּראַכן בכלל קיין קולטור נישט פאַראַן. די צויבער שיינקייט פונעם אוניווערס, פון דעם מענטשן, די שיינקייטן וואָס ווייסן נישט פון קיין פיזישע גרענעצן און שוועבן אַרום אין קאָסמאָס פאָרמירט זיך אויסשליסלעך אין נאַציאָ־נאַלע פאָרמען. און, וואָס מערער מען דרינגט אין זיי אַריין אַלץ טיפער באַנעמט מען זייער אינטערנאַציאָ־נאַלן זין

נישט גערעכט איז געווען שלמה ביקל ווען ער האָט בשעתו געשריבן: „צום אונטערשיד פון פרצען, וואָס האָט געפּרוווט שאַפן די יידישע באַלאַדע פון אויסשליסלעך יידישע שטאָף עלעמענטן, איז מאַנגערן געלונגען צו פאַרהיימישן און צו פאַריידישן דעם אינטערנאַציאָנאַלן, דעם צווישן פאָלקישן באַלאַדע סוזשעט״. [1]

אונדז ווייזט זיך אויס פאַרקערט, וואָס מער אויך מאַנגערס שאַפן האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער פאָלקסטימלעכער אייגנאַרט, אַלץ מער האָט עס דאַן באַקומען דעם אויסטערלישן כוח זיך דערהייבן צו וועלטישע הייכן.

פאַראַן היסטאָריקער וואָס האַלטן, אַז אַ ליטעראַ־טור אין וועלכער עס פעלט אויס די באַלאַדע, איז נישט אינגאַנצן פולווערטיק. איציק מאַנגער האָט קיין וואַקום אין דער יידישער ליטעראַטור נישט פאַרפולט. פאַר אים, איז שוין געווען די באַלאַדע פון יהואש און מאַני לייב, פון זישאָ לאַנדוי און משה־לייב האַל־פּערן. עס איז שוין געווען די ראָמאַנטישע באַלאַדע פון דויד איינהאָרן. אין מאַנגערס פּאָעטיק האָט אויף

אַ מערקווירדיקן אופן אויפסנייַ אויפגעלעבט איינ־האָרנס „וויינענדיקע בעריאָזעס", „זילבערנע טייכלעך" און „שטומע ווערבעס". עס זענען שוין געווען די באַלאַדן פון י. ל. פרץ. באַלאַדן בלשון רבים. מחמת אויסער „מאָניש", איז אויך אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" — דער פאַטום פון מענטשלעכע גורלות איינגעהילט אין אַ באַלאַדע שלייער.

איציק מאַנגער האָט אין געוויסע הינזיכטן זיך באַטראַכט ווי אַ פאַרזעצער פון י. ל. פרצעס טראַדיציעס: „מיינע הויפּטווערק, האָט ער דערקלערט, וועלן זיין די פאָלקסטימלעכע באַלאַדן, וואָס וועלן אַרומנעמען די באַלאַדעסקע אַקצענטן — אָנגעהויבן פון דער ביבל, ביז אונדזערע צייטן. עס וועט זיין אַ פאַרמעסט צו שאַפן דעם צווייטן יידישן פאָלקס־עפּאָס נאָך י. ל. פרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".[2]

די וואָרצלען פון איציק מאַנגערס יצירה ציִען זיך ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

די באַלאַדע, די וויזיע פון בלוט, ווי מאַנגער האָט זי אָנגערופן, האָט אין משך פון דורות געפלאָסן אין די אינגעווייידן פון יידישן גייסט. די באַלאַדע, ווי באַוווּסט, דריקט אויס דעם גרויל פון דער געשיכטע. אין דער היסטאָרישער לופט, וואָס מיר אָטעמען הערשן דאָך דעמאָנישע כוחות; אָנהייבנדיק פון מיטלאַלטער־לעכן גהינום, ביזן סאָוועטישן גן־עדן. מיט די גרוילן פון דער וועלט זענען דורכגעדרונגען די לעגענדעס פון די מקובלים און די מעשיות פון די חסידים. — מיט אירע שרעקן — די פּאָגראָם כראָניקעס פון אַלע צייטן און דורות.

צי איז דער „קב הישר" פון צבי הירש קוידע־נאָווער נישט קיין אויסדרוק פון דעם דעמאָנישן און איראַציאָנעלן? און די געשיכטן וועגן יוסף דעלאַ ריינאַ, פאַרמאָגן דען נישט אַלע סימנים פון דער הערא:ישער באַלאַדע?

די בלוט וויזיעס, דער באַלאַדע־גייסט, וואָס האָט געשלומערט אין יידישן פאָלקס עפּאָס, האָט אין מאַנגערס יצירה באַקומען אַ קינסטלערישע עקספּרעסיע און תיקון. זיין דיכטונג איז אַן עמאַנאַציע פון דער יידישער מענטאַליטעט, וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט

אין דעם פֿאָלקס עפּאָס אין משך פֿון דורות. און דער גייסט פֿון יידישן עפּאָס, איז אַן עטישער. זיין יסוד — די וועלט שפּירונגען פֿון דער קאָסמישער שאַפֿעריש־קייט. בראשית ברא — זענען די ערשטע ווערטער וואָס יידן האָבן געזאָגט דער וועלט, גלייך אינעם בראשית פֿון זייער געשיכטע. דאָס איז אויך געוואָרן אונדזער היסטאָרישע מיסיע, וואָס גיט זיך איבער דורך פֿאַרהוילענע קאַנאַלן מדור לדור.

„יעדער איינער אויף זיין שטייגער, האָט געשריבן איציק מאַנגער, האָט באַוויזן און וועט באַווייזן נישט איינמאָל, אַז מיר האָבן נישט פֿאַראַטן אויף קיין איין רגע דאָס ביבלישע אין יידישן מענטש אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן".[3]

און דאָס ביבלישע ביי מאַנגערן מיינט נישט גראָד נאָר זיינע חומש־און מגילה־לידער, נאָר דעם פֿולן קאָמפּלעקס פֿון וועלט שפּירונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אין זיין גאַנצער דיכטונג.

וואָס מיין איציק מאַנגערס שאַפֿן האָט זיך איינגעטונקען אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אין בילד און געשטאַלט, אַלץ טיפֿער איר פֿאַרנעם און אַלץ בולטער איר ביבליש־עטישער אימפּעראַטיוו מיט זיינע אייביק נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן; איציק מאַנגער איז נישט גלייך און נישט לייכט דערצו דערגאַנגען. ער האָט פֿריִער באַדאַרפֿט זיך באַפֿרייען פֿון אַ באַשטימטן ליטעראַרישן מאַניעריזם, גובר זיין דעם יצר הרע צו מאַנאַכן און מאָנאַשקעס, צלמים און קלויס־טערס, זיך אָפּזאָגן פֿון געוויסע פּאָזעס ווי למשל:

> מיין זיידע דער ערצבישאָף יאָהאַן מאַנגער
> נידערט אַראָפּ פֿונעם קלויסטער באַרג — — —

אָדער

> מיין אייניקל איז אַ קלויסטער תפילה
> און די זשידלאַקעס ווייסן נישט אַפילו.[4]

ערשט ווען ער איז דערגאַנגען צו דער פֿרומקייט פֿונעם סאַנקט בעש"ט, ווען ער האָט דערפֿילט דעם רעליגיעזן פֿלאַטער־פֿלי פֿונעם פֿאַדאַלויער רב, האָט די גאַנצע ליטעראַטור אַ זאָג געטאָן „כי טוב". אַפֿילו די וואָס האָבן פֿריִער אים געהאַלטן פֿאַר פֿרעמדער פּרי אין יידיש־פּאָעטישן־פּרדס.

די פּאָלעמיק אַרום מאַנגערס שאַפן וואָס האָט זיך געפירט אין דער יידישער ליטעראַטור קריטיק פון די דרייסיקער יאָרן דערמאָנט אין אַ געוויסער מאָס אין די דיסקוסיעס וואָס איז בשעתו געפירט געוואָרן אין דער העברעישער קריטיק אַרום שאול טשערני־כאָווסקי.

טשערניכאָווסקין, ווי באַוווסט, האָט מען דאַן דערקלערט פאַר אַן העלענער. מאַנגערן — שיער נישט פאַר אַן אַריער.

איציק מאַנגער, וואָס האָט, אין לעצטן סך הכל דערגרייכט אין זיינע ווערק די פולע האַרמאָניע מיט דעם פאָלקס־שאַפן, מאַנגער דער דיכטער פון „לאָמיר זשע זינגען פשוט און פּראָסט, פון אַלץ, וואָס איז היימיש און טייער", ער, מאַנגער — איז דערקלערט געוואָרן ווי אַ פרעמד געבליט אין דער יידישער דיכטונג.

„ער, האָט י. גלאַטשטיין געשריבן וועגן מאַנגערן, איז געקומען פון אַ פרעמדער, און כ׳וואָלט געזאָגט פריקרער ראָמאַנטיק, וואָס האָט געוואָרגן זיין יידיש ליד און עס נישט געלאָזט זינגען מיט אַ יידיש קול — — — די פרעמדע טראַדיציעס אין זיין ליד האָבן געשטאָכן ווי דערנער — — — די קריסטלעכע טראַדיציע האָט אַרויסגעדאָרנט פון זיין ליד — — — וואָס איז, פירט אויס י. גלאַטשטיין — מאָנאַכיש־באַלאַדיש־געציילעמט פון אָנגעבאָרגטער פרעמדקייט.[5]

אַנדערע קריטיקער זענען אַוועק אין אַ דיאַמע־טראַל קעגנזעצלעכער ריכטונג און האַלטן למשל, אַז די ליטעראַרישע טראַדיציעס פון איציק מאַנגערס „מדרש איציק" געפינען זיך אין דער ראַם נאָר פון איין שפּראַך, פון דער יידישער.

באַשטימען אַזאַ שמאָלן תחום המושב פאַר מאַנ־גערס ליטעראַרישע טראַדיציעס הייסט, אַפּריאָרי, פאַרזען וויכטיקע אַספּעקטן אין זיינע ווערק. אין דעם „מדרש איציק", וואָס איז כולל אַלץ וואָס דער דיכטער האָט געשאַפן אויף ביבלישע מאָטיוון, קאָן מען נישט נאָר דערפילן אן יידיש דורותדיקן נוסח, נאָר אויך דערהערן דעם עכאָ פון די בעסטע טראַדיציעס אין דער וועלט ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון בייראָנען און ענדיקנדיק מיט דער וווּנדערלעכער — עלזאַ לאַסקער שילער.

צוליב היסטאָרישער פּינקטלעכקייט דאַרף פאַר־צייכנט ווערן, אַז איציק מאַנגער, איז געקומען צו זיין קינסטלערישער זעלבסט באַשטימונג אויך דורך פרעמדע איינפלוסן. מען דאַרף זיך דערפאַר נישט שרעקן, מכל שכן עס פאַרהוילן. האָט דאָך שוין ר' נחמן בראַצלאַווער בשעתו געוווּסט: — — — אַפילו מסי־פורי הגויים צועק גם כן כבוד אלוקים.[6]

אין לעצטן סך הכל אָבער, איז איציק מאַנגער אַן אָרגאַנישע פאַרקערפּערונג פון דער היסטאָרישער דיאַלעקטיק אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַלע צייטן און תפוצות. זעלטן ווער פון די מאָדערנע יידישע שרייבער האָבן אַזוי אָרגאַניש דערפילט די אינערלעכע אינטימע שייכותן פון די אַלטע יידישע שפּילמענער מיט די פּורים שפּילער און בראָדער זינגער. מיט רעכט זאָגט מאַנגער וועגן זיך: „און אָט בין איך דאָס אייניקל פון אונדזערע ,אַלטע נאַרן' ר' אייזיק וואַליך ווירמייסן און ר' שלמה פון פּראָגן".[7] און אין אַן אַנדער אָרט: „כ'בין אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן פון די בראָדער זינגער / איך בין מיט זיי אַ מהלך וועגס אָפּגעפאָרן".[8] און לסוף, אין מאַנ־גערס דיכטונג פילט זיך בפירוש די לופט און דער ריטם פון דעם אַלטן „קליין בראַנדשפּיגל", (1566) דער מעלאָס פונעם: „שמואל־בוך". (1544) און דאָס אַלץ

דורכגעדרונגען מיט בערל בראָדערס טרער און מיכל גאָרדאָנס שמייכל.

אין איציק מאַנגערס פּאָעטישן פּאַנטעאָן הויזן בשלום אברהם גאָלדפאַדנס סאַטירע און וועלוול זשבאַרזשערס גראָטעסק מיטן געניאַלן אומרו פון פראַנסואַ ווילאָן און דעם אַסקעטיזם פון דעם גרויסן פליער דורך אַ וועלט פון פּראַגע צייכנס, ווי איציק מאַנגער האָט אָנגערופן דעם דיכטער ראַינער־מאַריע רילקע.

אויף דער פראַגע, אין אַן אַנקעטע פון די וואַר־שעווער „ליטעראַרישע בלעטער", אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן [9]: „ווער איז אייער באַליבטער שריי־בער"?, האָט איציק מאַנגער אָנגעוויזן אויף שלום עליכם, דויד בערגעלסאָן און אליעזר שטיינבאַרג.

„דעם ערשטן און דעם לעצטן — דערפאַר, ווייל אין זיי איז פאַרקערפּערט דער גאָלדענער יידישער פאָלקספּרימיטיוו, און בערגעלסאָן פאַר זיין אַכזריות, פאַר זיין לירישער רעזיגנאַציע און הומאַניסטישן סך הכל".

עס איז אפשר מער ווי מערקווירדיק, וואָס מאַנגער האָט אין זיין ענטפער נישט אָנגערופן קיין איין יידישן פּאָעט, נישט פון דער אַלטער און אויך נישט פון דער מאָדערנער פּאָעזיע, בעת פון די אומות העולם האָט ער אויסגעטיילט דעם כינעזער לי־טיי־פּאָ, דעם פּערס אָפיס און דעם פראַנצויז ווערלען. דערפאַר קלינגען, צו מאָל, אויסטערליש די באַמיונגען פון אייניקע פאַר־שער צו לאָקאַליזירן איציק מאַנגערס גייסטיקע וויג. ווער עס שטעלט זי אַוועק צווישן טשערנאָוויץ און יאַס, און ווער צווישן קאָסעוו און קיטעוו.

לית מאן דפליג. דער געניוס לאָקי גיט צו זיין יצירה פאַרבן און ריטמען פון אָרט און צייט. אָבער לויט די קאַפּריזן פון דער געשיכטע, איז דעם יידישן גייסט באַשערט געווען צו זיין פאַרזייט איבער פאַר־שידענע ערדן, און דאָס האָט אים, אין אַ גרויסן זין, געבראַכט צו אַן אידייע פון איבערערדישקייט און איבערצייטלעכקייט. און איציק מאַנגער איז אַ וווּנ־דערלעכע פּאָעטישע פאַרקערפּערונג פון דער דאָזי־קער גייסטיקייט.

אין דעם זאַמלבוך „הספרות", וואָס דערשיינט ביים תל־אביבער אוניווערסיטעט,[10] איז פאַראַן אַ פּרווו נאָכגייען די שפּורן פון מאַנגערס ליטעראַרישע טראַ־דיציעס. עס ווערן דאָרט געמאַכט אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען און פאָרמולירונגען. אייניקע אויספירן אָבער פירן אָפּ, לפי עניות דעתי, פון מאַנגערס הויפּט מאַגיסטראַל און שאַפן אַ וואַקום צווישן דעם מייסטער און זיין ווערק. און נעמלעך: די קוואַלן פון מאַנגערס „מדרש איציק" ווערן דאָרט געזוכט נישט אין יידישן פאָלקס־עפּאָס, נישט אין דעם פאָלקלאָר און שטייגער נאָר דער עיקר אין די פּורים שפּילן — פון 15 — 16 יאָרהונדערט. און אַזוי ווי די דאָזיקע ליטעראַטור האָט זיך פאַרהיט בלויז אין די ביבליאָטעקן און מוזייען, זענען זיי לויטן בעל המאמר פון „הספרות", דערגאַנגען צו מאַנגערן נישט דירעקט נאָר דורך די סטודיעס פון מאַקס וויינרייך און מאַקס עריק.

ליטעראַרישע סטודיעס זענען, פאַרשטייט זיך, מסוגל צו פאַרטיפערן דעם אינטערעס צו באַשטימטע פּעריאָדן און ריכטונגען פון דער ליטעראַטור גע־שיכטע. זיי זענען אָבער ווייניק, אויף צו באַשטימען דעם סטיל און בילדער וועלט פון ליטעראַריש קינסט־לערישע ווערק. דערצו איז נויטיק אַן אומיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט די פּראָבלעמען פון לעבן און אין דער געזעלשאַפט.

די עמאָציאָנעלע און געדאַנקען וועלט פון מאַנ־גערס „מדרש איציק", איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער עפּאָכע. די אויסערלעכע בוטאַפאָריע און אַרכאַישע גענעאַלאָגיע פון די געשטאַלטן דאַרפן נישט פאַר־שטעלן דעם וועג צו זייער אַקטועל אינערלעכן אינ־האַלט. די בילדערישקייט אין מאַנגערס ווערק, איז נישט קיין רעטראָספּעקטיווע. עס שפּיגלען זיך אין זיי אָפּ פאַרשידענע אַספּעקטן פון יידישן לעבן ערב דעם לעצטן גרויסן חורבן, דאָס איז אַ באַדייטנדיק קינסט־לערישער דאָקומענט וועגן ווידערשפּרעכלעכן געראַנגל אין דעם כאַאָטישן און מידן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ג

איציק מאַנגערס ווערק, געשאַפענע אין פאַרשידענע פעריאָדן, זענען, פאַרשטייט זיך, נישט איינהייטלעך לויט דער פאָרם און לויטן אינהאַלט. עס קרייצן זיך אין זיי פאַרשידענע טראַדיציעס און השפעות — אַלטע און נייע, פרעמדע און אייגענע.

לשם אינפאָרמאַציע וועלן מיר זיך באַגנוגענען בלויז מיט אַ רמז וועגן די פעדעם, וואָס ציִען זיך פון דער גאָלדפאַדן טראַדיציע. מיר האָבן אין זינען נישט נאָר דאָס געמיינזאַמע וואָס איז פאַראַן צווישן גאָלדפאַדנס „עקידהס יצחק" און „קיניג אחשוורוש" און מאַנגערס „חומש־ און־מגילה־לידער", נאָר אויך גאָלדפאַדנס אופן פון, אַזוי צו זאָגן, עקספּלואַטירן די געשיכטע. נישט נאָר אין די אָפּערעטעס, אויך אין די היסטאָרישע דראַמען (יהודה המכבי, בר כוכבא אָדער די לעצטע טעג פון ירושלים, ד"ר אַלמאַסאַדאַ אָדער די יידן פון פּאַלערמאָ) האָט ער אַריינגעפירט ריטמען און בילדער פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער. אַזוי, למשל, האָט גאָלדפאַדן אינמיטן פון דעם דערהויבן־פּאַטעטישן טאָן פון „שולמית אָדער בית ירושלים" אַריינגעשטעלט דאָס שטייגערישע פאָלקסטימלעך לירישע ליד „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" און דערביי צוגעגעבן פאָלגנדיקע ראַנד באַמערקונג:

„און כאָטש דאָס ליד איז נישט דאָ דאָס פּלאַץ דערפֿון, נאָר איך האָב עס אַריינגעשטעלט, ווייל דעם פּובליקום איז דאָס ליב און באַקאַנט״.[11]

א. גאָלדפאַדנס „אַפּגאָנג״ פֿון דעם טראַדיציאָנעלן היסטאָרישן שליאַך, איז אייגנטימלעך אויף פּאָר מאָנגערן. מאַנגער האָט די גאָלדפאַדענישע ליניע דער פּירט ביז צו איר לאָגישער און קינסטלערישער קאָנסעקווענץ. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט צופּאַסן די אַלטע געשטאַלטן צום „ליבן פּובליקום״, נאָר זיי אין גאַנצן איבערגעפּלאַנצט אין דעם גייסט פֿון דעם נייעם פֿאָלקסבאָדן און זיי געשטאַלטיקט אין זייער נייער דיאַלעקטישער טראַנספאָרמאַציע.

„דער געניטער לייענער — שרייבט איציק מאַנגער אין זיין הקדמה צו די ‚חומש לידער׳, — וועט זיך כאַפּן, אַז די לאַנדשאַפט, אין וועלכער די חומש געשטאַלטן באַוועגן זיך, איז נישט די כנענישע, נייערט אַ סלאַווישע... די דאָזיקע לאַנדשאַפט מיט אירע ווערבעס פאַזע וועג, אירע ווײנשלסעדער און אירע מאָדנע שטילע דעמערונגען ציטערט אין מיין געמיט פֿון גאָר די פּריסטע קינדער־יאָרן״.[12]

פאַראַן דירעקטע פעדעם, וואָס פאַרבינדן די לאַנדשאַפט פֿון די „חומש־ און־מגילה־לידער״ מיט מאַנגערס אַן אַנדער וויכטיק קינסטלעריש ווערק, מיט דעם ראָמאַן „דאָס בוך פֿון גן־עדן״.[13]

דאָס איז אַ מערקווירדיק ווערק, אַ ווערק פֿון דאַנטעשן שווונג און וואָלטערישן אַראָמאַט, באַהויכט פֿון י. ל. פּרצס ראָמאַנטיק און שלום עליכמס הומאָר. אַ ווערק וועגן אַ פאַרלוירענעם גן־עדן, באַזונדערס איצט, ווען די וועלט וואָס ווערט אין אים געשילדערט, איז אַזוי אַכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן.

עס באַקומט זיך גריילעך אַז אַליין דער שר השכחה האָט געזאָרגט אַז די געשטאַלט פֿון דער יידישער אור־ציוויליזאַציע און איר געשיכטלעכע מעטאַמאָר־פאָזע זאָל נישט פאַרגעסן ווערן, אַז ער, דער שר השכחה אַליין זאָל עס האָבן אונטערגעזאָגט מאַנגערן ער זאָל זי קינסטלעריש פאַראייביקן, זי זאָל בלייבן אַ זכר לדורות. ווייל ווי האָט געזאָגט דער בעל־שם־טוב: דאָס פאַרגעסן איז דער המשך פֿון גלות, ובזכירה סוד הגאולה, און אין געדענקען דער סוד פֿון גאולה.

מער ווי אין אַלע אַנדערע שאַפונגען ברעכט איין איציק מאַנגער, אין דעם ראָמאַן, די ראַמען פון דעם ריין יידישן פאָלקלאָר, און שעפּט אויך דירעקט פון די העברעישע אור שטאָפן. מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער בר בי רב איינצוזען אַז אויך די מדרש־קוואַלן ריזלען אין די איינגעווידן פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן בוך. מאַנגער פירט אין אים צונויף אַלע דורות; די אבות, די יודעי־חן, דעם ווילנער גאון און דובנער מגיד, די גרונטלייגער פון חסידישע דינאַסטיעס. ער לעבט אויף דעם גאַנצן האַרמידער פון דעם יידישן שטעטל, דעם מעקלער און פורים־שפּילער, פאַריקמאַכער און פאָטאָגראַף, שדכן און בדחן, מיט זייער טרוים און וואָר, האָפענונג און אַנטוישונג.

אין דער מסכתא ברכות שטייט געשריבן: „מל־כותא דארעה כעין מלכותא דרקיע”, וואָס מיינט, אַז דאָס מלכות אויף דער ערד איז ענלעך צו דער וואָס אויפן הימל. איציק מאַנגער האָט דעם דאָזיקן פסוק געלייענט פאַרקערט: מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעה, אַז דאָס מלכות אויפן הימל איז אַ קאָפּיע פון דעם וואָס קומט פאָר אויף דער ערד; מיט איר גוטסקייט און שלעכטס, ליבע און האַס, קנאה און שנאה. בקיצור, דער גאַנצער קידער־ווידער — ווי אויף דער ערד. „דאָס בוך פון גן־עדן” איז אַ מין רעליעפער און קרומער שפּיגל פון דעם וואָס קומט פאָר אויף אונדזער זינדיקער וועלט. און מערקווירדיק — ווי אָט דאָס מלא־חנעוודיק קינסטלעריש יידיש ווערק, איז פון דער יידישער קריטיק ווי פאַרזען געוואָרן. ביי די אומות העולם האָט „די וווּנדערלעכע־לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל־אבא אַבערוואָ” מער מזל געהאַט. „דאָס בוך פון גן־עדן” איז איבערזעצט גע־וואָרן אין דייטש, האָלענדיש, ענגליש און איז אויפ־גענומען געוואָרן מיט באַגייסטערטע אָפּרופן. „דאָס בוך פון גן־עדן”, האַלט דער אַמעריקאַנער ליטעראַ־טור־קריטיקער דזשאָן אוילט, איז נישט בלויז אָרי־גענעל, אַן ענלעכעס צו אים וועט שוין קיינמאָל נישט געשריבן ווערן”. און דער דייטשער שרייבער ד. לוכ־נאָט, האָט אין אַ בריוו צו מאַנגערן געשריבן: ——

„איר זענט איינער פון די גרעסטע דיכטער אין דער

וועלט־ליטעראַטור. גלויבט מיר, דאָס איז נישט קיין איבערטרייבונג. „דאָס בוך פון גן־עדן״, איז אַ באַזונדערס און איינציקאַרטיק ווערק. איך האָב עס געלייענט אויפמערקזאַם צוויי מאָל. ביים צווייטן מאָל, איז דער איינדרוק געווען נאָך שטאַרקער״.[14]

כדי רעליעפער און קלאָרער שילדערן דעם אינער־לעד גייסטיקן פּאָרטרעט פון אַ דיכטער העלפט צו מאָל דער קאָמפּעראַטיווער מעטאָד. וועלן מיר זיך דערלויבן ברענגען כאָטש אין פאַרגלייך: דעם קין־און הבל־מאָטיוו ביי איציק מאַנגער און ה. לייוויק.

אין לייוויקס לידער וועגן קין און הבל קומט צום אויסדרוק דעם פּאָעטס באַנעמען די געשיכטע ווי אַ שטרייט צווישן אייביקע און אומפאַרמיידלעכע קעגנזעצלעכע דעמאָנישע כוחות; וואָס הערשן צווישן די מענטשן:

האָט דער מענטשלעכער מין
וויפל מאָל שוין די מעשה געהערט —
אונדזער מענטשלעכער מין.
די מעשה — אוי ווי —
וועגן אדם און חוהס צוויי זין,
די מעשה — אוי ווי.
די אייביקע צוויי:
די שטילקייט, דערנאָך — דאָס געשריי.
די אייביקע צוויי.
(אוי — ווי) [15]

ביי איציק מאַנגערן, איז קין אַ טראַגישע געשטאַלט, אַ קרבן און אַ בלינד געצייג אין די הענט

פון געהיימע און אומבאַוווסטע כוחות וואָס נישט נאָר
זיי באַגיטיקן דעם מאָרד, נאָר זיי באַלוינען אים:

דער ערשטער כהן האָט די ערשטע שאָף
אַ קרבן דיר געבראַכט, יהוה, הער —
אויב ס'קומט אַ שטראָף דערפאַר,
טאָ, פאָטער, שטראָף!

נאָר פון'ם הימל פאַלט אַראָפּ אַ טרער:
קין, מיין קינד, נעם, באַוווין דאָס לאַנד
און פאַרמער דיך ווי שטערן און ווי זאַמד.[16]

וואָס זעלבשטענדיקער עס איז די שעפערישע אינ־דיווידואַליטעט אַלץ כוללדיקער איז דער אידייִשער און קינסטלערישער פאַרנעם פון זיין ווערק. נאָכשפּירן זיין ליטעראַרישן ייחוס איז אינטערעסאַנט; געפינען אים אָבער איז נישט אַזוי איינפאַך. ער געפינט זיך אָפטמאָל גראָד דאָרט, ווו עס איז אַפילו אויפן זינען נישט געקומען אים צו זוכן.

אין מאַנגערס ליכטיקער פּאָעזיע, וואָס איז גע־וואָרן דאָס אייגנטום פון פאָלק, האָט אָנגעוויזן אברהם סוצקעווער, פירן אַ לעבן־פאַר־זיך אונטערערדישע, פאַרהוילענע סודות און סימבאָלן. זיי וויברירן אין די קרישטאָלענע שאָטנס פון איר פייכטער, פאַרביקער מוזיק און זיי פאַרפאַנצערן זיינע לידער מיט אַן איי־ביקן חלום, און די סודות דערלאָזן נישט, אַז די צייט וואָס מאַכט חרוב וועלטן זאָל דאָ האָבן אַ שליטה.[17]

... איציק מאַנגער האָט אַ טרייסל געטאָן די זיילן פון דער ליטעראַטור, נישט בלויז מיט זיינע פּאָעטישע וויזיעס נאָר אויך מיט זיין אייגענעם באַנעמען די חשיבות און שליחות פון דער פּאָעזיע בכלל.

וועלכע עסטעטישע אידייען האָבן געהערשט אין דער יידישער ליטעראַטור ווען אויף אירע האָריזאָנטן האָט אויפגעשיינט איציק מאַנגערס שטערן?

אויפן פּעגאַס פון דער יידישער פּאָעזיע אין אייראָפּע האָט דאַן געריטן דער עקספּרעסיאָניזם. זיינע פאָנען טרעגער: אורי־צבי גרינבערג, פרץ מאַרקיש און מלך ראַוויטש. די דאָזיקע דיכטער האָבן געזוכט דאָס וואָרט וואָס זאָל דערשיטערן. דערפון דאָס גרוי־זאַמע אין זייערע בילדער און די נאַקעטקייט פון

זייערע לידער. זייער לאָזונג איז געווען: פער אַספּעראַ אַד אַסטראַ — דורך דערנער ביז צו די שטערן.

דער שר האומה האָט אַזוי געוואָלט, אַז גראָד די דריי דיכטער, וואָס האָבן אין אַ שפּעטערדיקן היס־טאָרישן גלגול סימבאָליזירט דעם דרייעק פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן גורל: גרינבערג אין ישראל, פּרץ מאַרקיש אין סאָוועטרוסלאַנד און מלך ראַוויטש אין די תפוצות, אַז גראָד זיי, זאָלן אין אַ באַשטימטן גע־שיכטלעכן פּעריאָד, זיין די אַפּאָסטאָלן פון קאָסמאָ־פּאָליטיזם און ניהיליזם, און דערגיין אַפילו שיער נישט ביז דיאַבאָליזם.

ביי מלך ראַוויטש, איז פאַראַן אַ בוך מיטן נאָמען „די פיר זייטן פון מיין וועלט”, וואָס באַשטייט פון פיר פּאָעמעס: „געזאַנג צום מענטשלעכן גוף”, „געזאַנג צו דער זון”, „געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק”, „משפט איבער דעם טויט”. אַ פּאָר יאָר פאַר זיין פּטירה האָט מלך ראַוויטש, אין אַ שמועס מיטן שרייבער יהודה עלבערג, דערקלערט אַז דאָס דאָזיקע בוך איז „אויב נישט דאָס בעסטע, איז עס דאָס טיפּסט־העכסטע פון אַלע מיינע פּאָעטישע כתבים”. [17א]

אין זיין הקדמה צו דעם בוך: „די פיר זייטן פון מיין וועלט”, מאַניפעסטירט מלך ראַוויטש דעם קרעדאָ פון דער כאַליאַסטרע גרופּע: „דורך די שורות פון דעם געזאַנג פון האַס און פון ליבע צו דעם יידישן פאָלק, לייענען מיר דאָרט, ציט זיך דער ליכטיקער שטראָם פון יידישן גלויבן, אַז דעם יידישן פאָלק וועט עס באַשערט צו זיין דאָס ערשטע אַנטפּאָלקטע, די ערשטע פּאַרמענטשטע עדה פון דער וועלט”. [18]

די דאָזיקע פּאַראַדאָקסן האָבן באַהערשט די מוחות פון אַ גאַנצן דור יידישע שרייבער. דריי דיכטער האָבן זיך אויסגעטיילט פון דעם כאָר: אַהרון צייטלין — מיט זיין רעליגיעזן מיסטיציזם, משה קולבאַק — מיטן טראַדיציאָנעלן אַטאַוויזם, און איציק מאַנגער — מיט זיין וויזיאָנערן ראָמאַנטיזם.

דער יונגער איציק מאַנגער האָט דעם מוט געהאַט אַרויס צו טרעטן קעגן דער אויטאָריטעט פון די עקס־פּרעסיאָניסטן און אָנצייכענען אַן אַנדער וועג דער נייער יידישער פּאָעזיע: „די לעסטער כאַליאַסטרע, האָט ער געשריבן, מיט איר „מאַיעסטאָסאָ פּאַטעטיקאָ”

(אַ נאָמען פון פּרץ מאַרקישעס אַ ליד — ל. פּ.), מיט איר היסטערישן בילדער פלאַנטער איז פאַרגאַנגען. דאָס צווייטע קאַפּיטל איז אָפן. די ליניען פון אונדזערע זעונגען און סימבאָלן זענען קלאָרער געוואָרן — — — ווי ווער עס יאָגט נאָך די וויאָלעטע אַריאָלן פון אַ ניי חסידיזם אין דער יידישער דיכטונג. דער קרייז איז געצייכנט, דער פינאַל לאָזט זיך אָנען...״ [19]

דעם דאָזיקן קרייז און פינאַל האָט גלייך דערמאָנט איינער פון איציק מאַנגערס גייסטיקע אבות — דער דיכטער און טעאַטראַל יעקב שטערנבערג, וואָס האָט שוין אין 1922, בעת מאַנגערס דעביוט, געשריבן:

וועגן ער שטייט אַזוי זיך
ערשט בליט זיין שאָטן לאַנגער,
נאָר ווי מיט אַ נאָדל
נייט אויס אַ געזאַנג ער,
ער אַמאָל וועט הייסן — —
איציק מאַנגער. [20]

ביי די יידישע עקספּרעסיאָניסטן זענען ניכר השפּעות פון ניטשעס אידייען. זיי האָבן נעגירט די מאַסן הגם זיי האָבן זיך דערקלערט פאַר זייערע איבערגעגעבענע סניגורס. זייער אינדיווידואַליזם האָט איציק מאַנגער אַנטקעגנגעשטעלט אַ גייסטיקן קאָלעקטיוויזם. זייער נאַציאָנאַלן נעגאַטיוויזם — דעם אַבסאָלוט יידישן פּאָזיטיוויזם און הומאַניזם.

דער יונגער איציק מאַנגער האָט זיך אונטערגענומען אַראָפּנעמען די גילדענע פעדער פון די פרעמדע ווערבעס און זי צוריק אָנטאָן דער גילדענער פּאַווע. אים האָט געקימערט „נישט אַזוי די גילדענע פעדער, ווי די פּאַווע אַליין״, נישט די פרעמדע פריידן, ווי די אייגענע ליידן. ער האָט פּאַטעטיש דערקלערט:

„דאָס ליידן פון אונדזער דור האָט געצייכנט בלוט. — — אונדזערע וווּנדן דאַרפן טרייסט. — — די נערוון לעכצן צו פרייד און עקסטאַז, די גאָלדענע געשטאַלט פון הייליקן בעל־שם־טוב צייכנט זיך בולט אויף די האָריזאָנטן״... [21]

אין קעגנזאַץ צום טענדענציאָנעלן אוטיליטאַריזם פון די עקספּרעסיאָניסטן איז איציק מאַנגער געקומען מיט זיין עטישן עסטעטיציזם, מיט זיינע ממש עראָ־

טישע גלוסטעניישן צו שיינקייט. זיין דעוויז איז געווען: — בראשית ברא את השיינקייט. מיר ווילן, האָט ער פּראָקלאַמירט, „צוריק אָנטאָן די קרוין פון דער געררודפּטער שיינקייט — — דעם יידישן ליד״!

איציק מאַנגער האָט באַטראַכט די שיינקייט ווי די העכסטע מדרגה פון עטיק. מחמת אַלץ וואָס איז נישט עסטעטיש, האָט ער געהאַלטן, איז במילא אויך נישט עטיש. די עטיק אין דער קונסט, אליבא דמאַנגער, איז פון אַ העכערער גייסטיקער מדרגה, ווי די אין דער געזעלשאַפט. ווייל זי פאַרמאָגט אין זיך אויך די פּראָפאָרצן פון שיינקייט. מאַנגער האָט געגלויבט, אַז מיט שיינקייטן קאָן מען אָפּמעקן אַלע צערן:

ווען די ערד וועט געפינען דאָס שלאָפליד
וואָס זאָל פאַרוויגן גאָט אַליין,
וועט אויסגעלייזט ווערן דער טרויער
און אַלצדינג וועט ווערן שיין.
ונאמר אמן! [22]

די ווערטער „הייליק״ און „שיין״ זענען ביי מאַנגערן אידייִשע האָמאָנימען, וואָס ליגן אין יסוד פון זיין קינסטלערישער עסטעטיק. זיי דריקן אַמבולטסטן אויס זיין פּאָעטישן אני מאמין:

„אין יעדן וואַנדערער, וואָס שלאָפט אויפן שליאַך צוגעדעקט מיט נאַכט און ווינט. אין יעדן קינד, וואָס הענגט זיין גאָלדענעם שמייכל אויף דער בלויער מאַסקע פון אָוונט. — — — אין יעדן דאָרף, אין יעדער שטאָט, אין יעדן מידבר. אין יעדן ריר, ציטער, באַוועגונג, שטורם, — — — דרימלט דאָס עכטע גאָלד פון פּאָעזיע. — אַלע וועגן פירן צום מלכות פון שיינקייט״. [23]

ווער עס וויל דערזען די קלאַנגען, דערהערן די פאַרבן און דערפילן דעם טעם פון אַ יידישן פאָלקס־טימלעכן פייסאַזש אין דער מאָדערנער יידישער דיכ־טונג, דאַרף צוערשט אַריינקוקן אין מאַנגערס פאָעטישע מאַלערייען.

אין איציק מאַנגערס פּאָעטיק זענען נישט פאַראַן קיין מאַטעריאַליסטישע קאָלירן. זיינע בילדער און מעטאַפאָרן פאַרמאָגן אַ מעטאַפיזישן סוד און רמז. „די בלאָקייט ווערט כוואַליע און טייך און ים, / אַנונג פון סוד און זיין הייליקער גראַם.״ — הייסט עס ביי מאַנגערן אין זיין גראַנדיעזער „באַלאַדע פון דעם ייד וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ״.[24] מאַנגערס פאַרבן טראָגן אין זיך אַ מיסטישן צויבער. אין דעם מאַגישן „ווייס און בלאָ״ אַנטפּלעקט זיך פאַר אים די געטלעכקייט אַליין. זיינע גאָט וויזיעס זענען דעם דיכטערס לירישע דע־פּראָפונדיעס־מאַנאַלאָגן מיטן באַשעפער פון דער וועלט:

אַ גאָט, מיין יעדע תנועה איז
אַ ליד, אַ לויב געזאַנג צו דיר.
טאָ לאָז די ווייסקייט פון דער נאַכט,
אַ שטילע אויפגיין איבער מיר.
און אין דער ווייסקייט הייליק מיך.[25]

און אין אַן אַנדער אָרט:

איך זע און הער און מורמל מיד און שטום,
דיין בלאָען נאָמען אין דער נאַכט אַריין
דיין בלאָען נאָמען אין דער ווייסער
נאַכט אַריין.[26]

אויך די געטלעכע מיסטעריע טויט הילט מאַנגער איין אין מיסטיש ווייסע פאַרבן. אויף אונטער צו שטרייכן זיין פאַרהוילענעם שוואַרצן סוד:

דער ווייסער שיין איז, מאַמעשי,
אַ רוף פון יענער זייט.
און אַז מען רופט, ווי קען איך דען,
ווי טאָר איך דען נישט גייען?
— — — — — — — — — — — — — — —
זי כאַפּט אויף זיך דאָס שאַלעכל,
דאָס שאַלעכל איז רויט,
— — — — — — — — — — — — — — —
און ווייס דער שיין פון טויט.[27]

איציק מאַנגערס דיכטונג איז דורכגעדרונגען מיט אַ ברענענדיקער דאָרשט נאָך גאָט און געטלעכקייט און ער דאַוונט וועגן דעם אין זיין ליד:

מיין גאָט, מיין האַר, מיין באַשאַפער,
לייטער מיך אויס אין דיין שיין —
און זאָג מיר אַז איך בין דיין „קינד״
און קוש מיר אַראָפּ פונעם שטערן
די צייכנס פון מיינע זינד.[28]

„זינד״, „טויט״ און „האַרבסט״, זענען אייביקע תושבים אין מאַנגערס דיכטונג. „אַ האַרבסטיקע לאַנדשאַפט איז אין מיין געמיט״,[29] זאָגט ער אין אַן אָרט וועגן זיך. און באמת, נישט פאַראַן ביי מאַנגער קיין פרילינג און זומער לידער. דאָס איינציקע ליד „פרילינג״, אין זיין ערשטן בוך „שטערן אויפן דאַך״, רעדט אויך מער פון וויאַנען ווי פון בליִען:

באַלד וועט איר שוואַרצער שלייער איבער
מיינע אויגן פאַלן,
און קרייציקן דעם גרינעם שמעטערלינג
אויף מיינע ווענט,
און אַנצונדן שוואַרצע טרויער־צווייגן
אין מיינע הענט.[30]

נישטאָ וואָס צו זאָגן, נישקשה פון אַ „פריילעך" פרילינג ליד.

איציק מאַנגער — „דאָס אייניקל פון אונדזערע אַלטע נאַרן", דער מייסטער פון גראָטעסק און סאַ־טירע, איז אין לעצטן סך הכל אַ טראַגישע געשטאַלט. און עס איז באַשטימט סימפּטאָמאַטיש, וואָס אויך זיינע „נאָענטע געשטאַלטן" שילדערט ער אין די האַרבסטיקע שקיעה שעה׳ן פון זייער לעבן; אברהם־בער גאָטלאָבערן אין טיפן עלטער. אברהם גאָלדפאַ־דענען אויפן טויטן בעט, באַרענדיק זיך מיטן מלאך המוות. און הערשעלע אָסטראָפּאָליער, בעת זיין „לוס־טיקער לוויה".

„ערשט ווען הערשעלעס עלטערער זון האָט גע־זאָגט קדיש אויפן פרישן קבר, האָבן אַלע דערפילט, אַז דאָס גראָז, וואָס וואַקסט אויף די קברים איז טרויעריק". [31]

איציק מאַנגערס דיכטערישע זעונגען זענען, ווי געזאָגט, נישט קיין רעטראָספּעקטיווע. אַפילו אין זיינע שטיפערייען „אויפן שטייגער פון די פּורים שפּילער פון אַלע צייטן", אויך די „חומש־און מגילה־לידער" פאַרמאָגן אַן אַקטועלן אָנהאַלט.

ווען מיר לעבן זיך איין אין מאַנגערס בילדער, ריטמען און געדאַנקען ווועלט דערפילן מיר אַ באַ־שטימטע אומהיימלעכקייט פון דעם, וואָס „אונדזער היים איז אַ נס צווישן פרעמדע וועלדער".

אין דער גורלדיקער צייט פאַרן פאָלק האָט מאַנגער דעם מוט געהאַט זיך אָפּזאָגן פון פרעמדע פריידן און שיינקייטן וואָס האָבן אים יאָרן געלאָקט: „איך לייקן נישט די שיינקייט פונעם פרעמדן מיטאָס, האָט ער דערקלערט, אָבער איצט, אין דער היסטאָ־רישער רגע, ווען אַ פאָלק דאַרף און האַלט ביי אַן אינערלעכער קאָנסאָלידאַציע, מוז מען דאָס פרעמדע גרינטלעך פאַרגעסן, כדי צו געפינען דאָס אייגענע און דערמיט — זיך אַליין". [32]

אין איציק מאַנגערס שאַפונגען איז אויך פאַראַן אַ בפירושער פאַרגעפיל פון דער קומענדיקער קאַ־טאַסטראָפע:

די קברים בליען און די פייגל פליען,
אַן אַלטער יידישער גראַם
מיט אַ ביטערן יידישן טעם,
נאַר איין גאָט זאָל זיך מיען. [33]

— — — — — — — — — — — — — — —

באַהיט אונדז ליכטיקער די רוצחים שאַרפן
די העק
זיי מורמלען באַשווערן די עקידה.

פון די שיינענדיקע „שטערן אויפן דאַך" (1929) ביז די אויסגעלאָשענע „שטערן אין שטויב" (1967) שלענגלט זיך דער גלאָריע וועג פון דעם גרויסן טרובאַדור אין דער יידישער דיכטונג.

איציק מאַנגער איז נישט געווען קיין פאָלקס־דיכטער אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט. איציק מאַנגער איז געווען דעם פאָלקס דיכטער, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך און אויסגעדריקט דעם פאָלקס געמיט, זיין גייסט, זיין היסטאָרישן גורל און געטאָן טאָן זינגען און זאָגן „פון יידיש צערן צווישן גוייִשע האַרן און געפאַרן".

פאַראַן שרייבער וואָס זענען אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט, — זיי דריקן אויס דעם געשיכטלעכן אימפּעראַטיוו פון זייער פאָלק. און פאַראַן שרייבער, וואָס זענען אַ גורלדיקע באַשערטקייט פאַרן פאָלק — מחמת זיי דריקן אויס זיין אינערלעכע נאַטור, איר גורל און געראַנגל. צו זיי געהערט איציק מאַנגער.

ווהין מיין פאָלקס־ליד? — האָט מאַנגער געפרעגט און געענטפערט:

דורך נויט, און טויט, און טרוים —
צום אייביקן יידישן דויער.
און וועמען נעמט מען מיט?
אונדזערע געווינער און פאַרלירער
אונדזערע טרוימער און מאַרטירער
אונדזער נביא און אונדזער שמיד,
און דורך טרערן נישט ווערן צום ווערן —
דורך געטאָ ווענט צו די שטערן!

אָט דאָס איז איציק מאַנגערס וועג צו די יידישע אייביקייטן. דאָס איז אויך זיין בילד און געשטאַלט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ביבליאָגראַפישע רשימות צום מאמר:

דער דיכטער וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ:

1. שלמה ביקל: שרייבער פון מיין דור, ניו־יאָרק 1958, באַנד 1, ז' 137.
2. שלמה ביקל: רומעניע, בוענאָס־איירעס 1961, ז' 281.
3. איציק מאַנגער: הקדמה צו אריה מערזעס תנ"ך אַלבום. ציטירט לויטן זשורנאַל „היימיש", 50 — 52, תל־אביב, יולי — סעפטעמבער 1960, ז' 80.
4. איציק מאַנגער: לאַמטערן אין ווינט, וואַרשע 1933, ז' 38.
5. יעקב גלאַטשטיין: אין תוך גענומען, ניו־יאָרק 1956, ז' 301 — 314.
6. ילקוטי עצות, וואַרשע תרל"ה, עמ' 28.
7. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 384.
8. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 385.
9. ליטעראַרישע בלעטער נומ. 17, 1930.
10. הספרות 2, אוניברסיטת תל־אביב, יאַנואַר 1970, עמ' 347 — 354.
11. אברהם גאָלדפאַדן: שולמית, אָדער בת־ירושלים, מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע אין ריימען, אין פיר אַקטן און פיפצן בילדער, וואַרשע 1891.
12. איציק מאַנגער: חומש לידער, וואַרשע 1935.
13. איציק מאַנגער: די וואוּנדערלעכע לעבנסבאַשרייבונג פון שמואל־אבא אבערוואָ (דאָס בוך פון גן־עדן), וואַרשע 1939.
14. איציק פאַנער: שטריכן צום פּאָרטרעט פון איציק מאַנ־גער, תל־אביב 1976, ז' 198.
15. ה. לייוויק: אַ בלאַט אויפן עפּלבוים, בוענאָס־איירעס 1955, ז' 277.
16. איציק מאַנגער: דעמערונג אין שפּיגל, וואַרשע 1937, ז' 66.
17. אברהם סוצקעווער: אַ וואָרט צום פּאָעט, די גאָלדענע קייט 31, תל־אביב 1958, ז' 12.
17א. יהודה עלבערג: שמועסן מיט מלך ראַוויטש, די גאָל־דענע קייט 82, ז' 20.
18. מלך ראַוויטש: די פיר זייטן פון מיין וועלט, וואַרשע 1928.
19. איציק מאַנגער: געציילטע ווערטער 1, טשערנאָוויץ 1929, ז' 2.
20. יעקב שטערנבערג: שטאָט אין פּראָפיל, בוקאַרעשט 1935, ז' 145.
21. איציק מאַנגער: געציילטע ווערטער 1, טשערנאָוויץ 1929, ז' 2.
22. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 435.
23. איציק מאַנגער: געציילטע ווערטער 1, טשערנאָוויץ 1929, ז' 1.
24. איציק מאַנגער: דעמערונג אין שפּיגל, וואַרשע 1937, ז' 95.
25. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 347.
26. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 62.
27. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 23.
28. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 357.
29. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 417.
30. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 64.
31. איציק מאַנגער: נאָענטע געשטאַלטן, וואַרשע 1938.
32. איציק מאַנגער: פאָלקלאָר און ליטעראַטור,ביים שייד־וועג 2, פּאַריז 1935, ז"ז 167 — 174.
33. איציק מאַנגער: ליד און באַלאַדע, ניו־יאָרק 1952, ז' 425.

קאָנצערט־לעקציע וועגן איציק מאַנגער

לעקציע: **ל. פּאַדריאַטשיק** קאָנצערט: **נחמה ליפשיץ**

נחמה ליפשיץ איז איינע פון די פאַרביקסטע פיגורן אין אונדזער קינסטלערישער וועלט. מיט אירע אַרטיסטישע אויפטריטן ווי אַ זינגערין איז זי ווייט אַריבערגעוואַקסן די ריין עסטעטישע ראַמען. אירע קאָנצערטן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן געווירקט מאָביליזירנדיק און זענען געווען פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער נאַציאָנאַלער דער־וואַכונג פון די דאָרטיקע יידן.

לעצטנס האָט נחמה ליפשיץ אָנגעהויבן אויפטרעטן אויך ווי אַ קינסטלערישע פאַרלייענערין. און פונקט ווי איר **זינגען** אַזוי איז אויך איר **זאָגן** פון אַן אייגנאַרטיקער און הויכער קינסטלערישער קוואַליטעט. זי דרינגט אַריין אין דעם אי־נערלעכן געוועב און אין דער פאַרביקער אייגנאַרט פון די ווערק וואָס זי לייענט פאָר און אַנטפּלעקט אין זיי נייע, פאַרהוילענע ריטמען און פאַרבן.

צום ערשטן מאָל איז נחמה ליפשיץ אויפגעטראָטן אין אַ קאָנצערט־לעקציע וועגן איציק מאַנגער, וואָס עס האָט איינגעאָרדנט דער **יידישער קולטור־קלוב פון חולון**. די דאָזיקע קאָנצערט־לעקציע איז אויך פאָרגעקומען אין די שטעט רמת־גן — גבעתיים, בת־ים, תל־אביב און אומעטום איז זי אויפגענומען געוואָרן מיט אַ באַזונדערן אינטערעס. זייער טרעפלעך האָט וועגן די דאָזיקע אויפטריטן געשריבן די „לעצטע נייעס״:

„די טעג איז פאָרגעקומען אַ זייער אָריגינעלער אָוונט, וואָס מען דאַרף אים אָנרופן „מאַנגער אין פשט און אין פירוש״. **לייזער פּאַדריאַטשיק** האָט צוגעגרייט אַן אַרומנע־מענדיקן רעפעראַט וועגן דער דיכטונג פון איציק מאַנגער און **נחמה ליפשיץ** האָט צוגעגרייט אַ ריי טעקסטן פון מאַנגערס לידער און פּראָזע. מען קען זאָגן, אַז ווי נחמה ליפשיץ האָט מיט געזאַנג און וואָרט אילוסטרירט לייזער פּאַדריאַטשיקס פירושים פון מאַנגערס שאַפן, אַזוי האָט לייזער פּאַדריאַטשיק צוגעגרייט דעם עולם בעסער צו פאַר־שטיין די לידער און די פּראָזע וואָס נחמה ליפשיץ האָט פאָרגעבראַכט. נאָך יעדן אַריינפיר פון פּאַדריאַטשיק האָט נחמה ליפשיץ געזונגען און געלייענט. אויף אַזאַ אופן איז דער אָוונט געווען ווי אַ גוטער קאַמעראַלער קאָנצערט. נחמה איז דעם אָוונט געווען אין אַן אויסגעצייכנטער פאָרם און ביידע — די זינגערין און די שוישפּילערין — זענען געגאַנגען באַנאַנד און געגעבן דעם עולם אַ סך נחת רוח״.

[„לעצטע נייעס״, 3 יאַנואַר 1977]